# עונג שבת



גוט שבת אלע אידן. דער מעשה די וואך איז געשען בערך פונף און צוואנציג יאר צוריק. 'יאיר איתן' נישט זיין עכטע נאמען, איז דער זון פון א גרויסען פארמער אין דעם צפון זייט פון ארץ ישראל. די איתן משפחה איז ליידער נישט געווען אזוי פרום.

אויף יאיר'ס טאטע'ס פעלדער זענען געוואקסען אסאך מיני גרינצייג און פירות וואס ער האט פארקויפט צו גראסערי און מוסדות וכו'. ווען יאיר איז געווארן אביסל עלטער, האט זיין טאטע אים איבערגעגעבן דעם אחריות צו דעליווערען די פרוכט און גרינצייג צו אלע מוסדות וועלכע האבן געהאט שטענדיגע באשטעלונגען.

בקיצור, איינע פון די מוסדות וואס איז געווען אויף יאיר'ס ליסטע איז געווען א בעל תשובה ישיבה. איין טאג, ווען יאיר איז אריינגעגאנגען אין יענער ישיבה די ערשטע מאל איז ער איבערגענומען געווארן מיט געפילן וואס ער האט קיינמאל נישט געשפירט אין זיין לעבן.

ליידער איז יאיר אינגאנצען פריי געווען, און דאס איז געווען די ערשטע מאל אין זיין לעבן וואס ער האט געהאט שייכות מיט פרומע אידן. זיינע עלטערן האבן נעבאך נישט מחנך געווען יאיר אין דעם וועג פון דער הייליגער תורה. יאיר האט נישט געלערנט קיין איין ווארט תורה אין זיין לעבן רח"ל, און ער איז געווען בערך אכטצען יאר אלט! נישט נאר דאס אז זיינע עלטערן האבן אים נישט געגעבן קיין ריכטיגען אידישען חינוך, האבן זיי ליידער פרובירט אלעס אז יאיר זאל בכלל נישט וויסן פון אידישקייט.

אפילו אזוי, האט יאיר געשפירט א גרויסע שמחה בשעת ער האט געזען די צענטליגע בחורים לערנען צוזאמען מיט א ברען אין די ישיבה וואס האט געהייסן 'לב ונפש.' עס האט אויפגעוועקט אין יאיר א שטארקען אינטערעס אין אידישקייט. נאך ביי זיין ערשטען באזוך אין דער ישיבה האט ער געכאפט א שמועס מיט די בחורים, און זיי האבן אים זייער ווארעם אויפגענומען.

ביז דעם דריטן מאל וואס יאיר האט געמאכט א דעליווערי צו דער ישיבה, האט יאיר זיך אראפגעזעצט לערנען אפאר מינוט אין די בית מדרש! מיט יעדען טאג, האבן יאיר'ס עלטערן באמערקט א שינוי אין זייער זון. איין טאג האט יאיר מסביר געווען צו זיינע עלטערן וואס איז געשען מיט אים, ווי אזוי ער האט אנגעהויבן צו לערנען אין דער ישיבה אביסל.

צו יאיר'ס איבערראשונג, איז זיין טאטע נעבאך זייער שטארק אויפגערעגט געווארן אויף אים. "קיינער פון מיינע קינדער וועט ווערן א חרדי מיט א בארד!" האט יאיר'ס טאטען געשריגן. יאיר'ס טאטע האט אים אראפגענומען פון דעם די דעליווערים צו דער ישיבה און ער האט זיין זון בכלל גע'אסור'ט צו אריינגיין סיי אין יענע ישיבה, סיי אין יעדע אנדערע ישיבה.

פארשטייט זיך אז יאיר האט געוואלט ווייטער האבן א שייכות מיט דער ישיבה. וועגן דעם האט ער ווייטער באזוכט די ישיבה באהאלטענערהייט. אפילו יאיר האט פרובירט צו טון אלעס שטילערהייט, האט זיין טאטע אים אנטפלעקט נישט לאנג דערנאך. זיין טאטע איז נעבאך זייער שטרענג געווארן מיט יאיר.

יאיר האט מברר געווען וועגן אנדערע ישיבות אין ארץ ישראל וואו ער וועט קענען לערנען אפשר. דאן, איין טאג אינמיטן די נאכט, איז יאיר ארויסגעגאנגען פון זיינע עלטערן'ס הויז. ער האט געלאזט א בריוו צו זיינע עלטערן אין וואס איז געשטאנען אז ער האט זיי טאקע ליב, אבער ער מוז לערנען תורה.

יאיר'ס טאטע האט אבער אויסגעפינען אין וועלכע ישיבה יאיר איז געווען און ער האט אים געצווינגען אהיימצוקומען. טאמער דאס איז נישט געווען גענוג א חוצפה, האט זיין טאטע אפילו אריינגערופן אין גויאישן קארט דעם ראש ישיבה פון דער ישיבה "לב ונפש" וואו יאיר האט צום ערשט באקומען זיין התעוררות. יאיר'ס טאטע האט געטענהט אז דער ראש ישיבה האט אפגעוואשט יאיר'ס מוח (אזוי ווי 'היפנוסיס'), און יאיר האט שוין נישט געקענט טראכטן מיט זיין אייגענע שכל.

דער טאג פון דעם משפט איז אנגעקומען און דער בית משפט איז געווען אנגעפאקט מיט מענטשן. יאיר איז ארויפגעגאנגען זאגן עדות פאר דעם שופט. יאיר האט זייער קלאר אראפגעלייגט דעם מעשה ווי אזוי ער איז געווארן א בעל תשובה דורך מאכן דעליווערים צו דער ישיבה, וכו'. נאכדעם וואס יאיר האט געענדיגט, האט דער שופט גערופן יאיר'ס טאטע צו זאגן זיין עדות.

"דו הייסט 'איתן', נישט אזוי?" האט דער שופט געזאגט צו יאיר'ס טאטע. "צו דען שטאמסטו נישט פון אסט אייראפע... און צו דען האסטו נישט געהייסן 'שטארק' אינדערהיים? (אסאך מענטשן האבן געטוישט זייערע פאמיליע נעמען ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל.) יאיר'ס טאטע איז געווארן פלוצלינג צוריקגעצויגן, איבערראשט צו הערן דעם שופט'ס שאלות. "יא," האט יאיר'ס טאטע און געענפערט דעם שופט מיט א נערוועזיקייט אין זיין שטימע.

"און צו דען איז עס נישט אמת אז דו קומסט פון 'פינסק'?" האט דער שופט ווייטער געפרעגט יאיר'ס טאטען. "אה... איך בין אביסל עלטער ווי דיר איתן... און איך געדענקט דיך נאך גוט פונדערהיים. דו קומסט פון איינע פון די בעסטע שטיבער אין דער פינסקער קהילה בעפאר דער מלחמה. דיין טאטע איז געווען זייער א פרומער איד און יעדער איינער האט אים זייער שטארק מכבד געווען. דיין מאמע איז באקאנט געווען פאר אירע חסד, זי פלעגט אלעמאל קאכן עסן פאר די ארומע מענטשן און די חולים אין שטעטל."

יעצט האט דאס קאליר אינגאנצען פארלאזט יאיר'ס טאטע'ס פנים. ער איז געווען אין שאק און ער האט נישט געקענט רעדן קיין ווארט.

"איך געדענק," האט דער שופט געזאגט ווייטער, ווען דו ביסט געווען אכטצען יאר אלט, און דו האסט פארלאזט די וועגן פון דיין טאטע מאמען. איך געדענק זייער קלאר די רעאקציע פון דיינע עלטערן ווען דו ביסט אפגעפארן און דו האסט מחלל שבת געווען בפרהסיה דעם ערשטען מאל. דיין טאטע איז געווארן אלט איבערנאכט, ער האט שוין נישט געשמייכעלט אזוי סאך און ער איז שוין נישט ארומגעגאנגען אזוי לעבעדיג. ער איז טאקע געווען אזוי ווי אין אבילות, ל"ע. און דיין מאמע ע"ה, עס ווערט דערציילט וועגן איר אז יעדע פרייטאג צונאכטס ווען זי האט אנגעצינדען די לעכט, האט זי געגאסן א טייך פון טרערן וועגן דיר. איך האב אייביג געוואונדערט וואס איז געווארן פון די טרערן... איך אליינס בין נישט אזא פרומער מענטש, אבער איך ווייס אז עס איז דא א ג-ט וואס פירט די וועלט, און איך האב נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי די טרערן פון אזא צדקת ווי דיין מאמען, האט מען אין הימל געקענט מאכן נישט וויסענדיג. היינט זענען אלע מיינע קשיות פארענטפערט געווארן. איך זעה יעצט אז דיין מאמע'ס תפילות זענען נישט געווען פאר גארנישט. היינט, כמעט פופציג יאר שפעטער, דיין מאמע הי"ד האט א אייניקל וואס איז צוריקגעקומען צו דעם וועג פון זיין אבות."

"מר. איתן," האט דער שופט געזאגט ווייטער, "איך בין זיכער אז דו געדענקסט אז מער ווי איין מאל זענען חברים פון דיינע עלטערן געקומען צו דיר צו בעטן אז דו זאלסט נישט מחלל זיין שבת בפרהסיה. אויב איך געדענק גוט, האסטו געענטפערט אזוי: "איך בין יעצט אכצען יאר אלט, און מאך שוין אייגענע החלטות אין מיין לעבן און איך מעג לעבן ווי איך וויל. און יעצט קומסטו, אזא מחוצף ביסטו, ווייל דיין אכצען יעריגער בחור האט מחליט געווען צוריקצוגיין צום וועג פון זיין אבות. אויב אזוי, דיין קעיס איז 'דעסמיסעד' – ארויסגעווארפן.

אין די היינטיגע פרשה זעט מען ווי פינחס האט מקדש געווען שם שמים דורך זיינע צדקות. דער אייבערשטער האט אים מכבד געווען מיט דער כהונה, ווייל פינחס האט זיך אויפגעפירט ריכטיג און דורך דעם האט ער משפיע געווען אויף אנדערע נישט צו טון קיין עבירות. מען זעט פון דא דעם כח פון מאכן א קידוש השם ברבים. דורך דעם וואס די בחורים אין יענע ישיבה האבן אויפגענומען יאיר מיט א ווארעמקייט, האבן זיי געמאכט א ריזיגן קידוש השם. און דורך דעם איז יאיר געווארן א בעל תשובה. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן אלע קענען משפיע זיין אויף אנדערע אידן דורך אונזערע מעשים טובים. **גוט שבת אלע אידן**.

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, רחל בת פייגא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**